פרייז 25 גראָשען XIV-ער יאָהרגאַנג „Należytość pocztowa uiszczona gotówką" „Radomer-Kielcer Leben" (697) 52 הײנט 10 זײַטן

Radom, dnia 24 Grudnia 1937 r.
ראַדאָם, פרייטאָג כ׳ טבת תרצ״ח
טעלעפאָן פון רעדאַקציע 18 - 15

# ראַדאָמער-קעלצער לעבן

פאַראָווע פאַרבערײַ
און כעמישע פּראַלניע
A.
HEMPEL
פאַבריק און צענטראַלע: אַלטע שטאָדט 7
פיליעס:
זשעראָמסקי 1
זשעראָמסקי 21
זשעראָמסקי 59
טראַוגוטטאַ 11
קעלנער צו וואַשען צו 15 גר.

W domu, czy w sali dancingu wytwornej
Na wsi, czy w mieście — jednym słowem wszędzie
Papieros w gilzie
„Dla Znawców" wybornej
Zawsze najlepiej smakować ci będzie

צו דער האכצייט פון אונזער ליבען קוזין
**משה קרימילאַווסקי**
מיט פר״ל
**יהודית צוקער**
ווינשען מיר זיי פיעל גליק און צופרי-דענהייט, און די עלטערן פיעל נחת
ישעי׳ איגר און פאַמיליע.

א הערצליכען דאַנק דריקען מיר אויס
פאַר די גליקווינשען און טעלעגראַמעס
אויף אונזער זוהנ׳ס חתונה
**שליאַמקע פרידמאַן** מיט פרל. **מאַניע גלעזער** פון הילנאַ
עלטערן:
**נחום** און **מינדעל פרידמאַן**

די אלע, וואָס האָבען זיך באַטײַליגט אין אָבגעבען דעם לעצטען כבוד אונזער פערשטאָרבענעם פאָטער

# ר׳ אברהם ליפא דען ז״ל

און אויך די אלע, וואָס האָבען אונז אויסגעדריקט פערזענליך, אָדער שריפטליך און דורך דער פרעסע מיטגעפיהל – דריקען מיר אויס א דאַנק.
בעזונדערס דאַנקען מיר די ה״ה, וואָס האָבען מספיד געווען אונזער גאָטזעליגען פאָטער און בפרט דעם **הרב קעסטענבערג** פאַר זיין ווארימען און הארציגען הספד.

**מרדכי דען** און **פאַמיליע.**

פערשרייבט אייך אויף די פאַך-קורסען פון „א ר ט"
די קורסען נעמען ארום:
**שניידערײַ** איז **אלע צווייגען; גאַרסעטען-אבטיילונג וועש-אויסאַרבייטונג, מאַדעליר-קורס פאַר קאַמאַ-שענמאַכער** און א קורס פון **צושניידערײַ פאַר פרויען און מענער-שניידער.**
אינפאָרמאַציעס און איינשרייבונגען אין לאָקאַל פון דער געזעלשאַפט „ארט" זשעראָם. 27 יעדען טאָג, חוץ שבת פון 12 ביז 2 בייטאָג און פון 5 ביז 7 אָוענד

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריק איך אויס
דעם פריינס **מרדכי דען**
צוליב׳ן טויט פון זיין פאָטער

# ר׳ אברהם ליפא נ. ע.

בתוך שאר אבלי ציון ירושלים.
**מרדכי לענגער** און **פאַמיליע**

ווילט איהר האָבען קלאָרע, זויבערע וועש, נייע גאַרדעראָבעס, שנײ-ווײַסע פאָרהאַנגען,
גיעט נאָר צו וואַשען און פאַרבען אין דער בעקאַנטער
כעמישער פאַרבערײַ און פראַלניע פון דער ערשטקלאַסיגער פירמע

# A. HEMPEL

Centrala **Stare Miasto 7** telefon 19 - 70
Filje **Zeromskego 1**
**Zeromskiego 21**
**Zeromskiego 59**
**Traugutta 11**

ווער ס׳האָט זיך ניט איבערצייגט זאָל פרובען און וועט זיין ענטציקט פון דער שענער, עסטעטישער און פאַכמענישער ארבייט. ס׳ווערט אויך געוואַשען אויף טריקען — ביליגע פרייזען! — פינקטליכע אויספיהרונג סאָלידע בעהאַנדלונג קומט און איבערצייגט אייך
צענטראַלע: אַלטע שטאָדט 7 אָפיצ. טעל 70 - 19
פיליעס: זשעראָמסקי 1, טראַוגוטטאַ 11
זשעראָמסקי 21, זשעראָמסקי 59

ביליג צו וואַשען קאָפּעלושען

KINO APOLLO

שבת 3 נ. מ. און זונטאג 12 און 1\45

ARCYCIEKAWY FILM

NIEWIDZIALNE MAŁŻENSTWO

Już za kilka dni potężny dramat na tle odwiecznego konfliktu: „Miłość czy Obowiązek P. T.

Port Artura

פון מארגען שבת דעם 25

פערדאפעלטער פראגראם

Linia Maginota

rewelacyjny film szpiegowski

w rol. gł. VERA KORENE i VICTOR FRANCEN

UWAGA. Zdjęcia tego filmu zostały dokonane na terenie gigantycznych fortyfikacyj podziemnych Francji, za zezwoleniem Ministra Wojny.

Nadprogr. Tygodnik P. A. T.

KINO APOLLO

# אויך אין ראדאם האבן זיך נעכטען בעוויזען פיקעטען.

## פאליציי האט אינטערווענירט און בעזייטיגט די פיקעטניקעס.

נעכטען אין דער פריה האבען זיך בעוויזען פיקעטען אויף דער זשעראמסקי גאס. ספעציעל האבען די פיקעטען צוגעהיטן דאס גאלאנטעריע געשעפט פון הימעלפארב און דאס גומי-געשעפט פון טענענבוים, נישט לאזענדיג אריינגיין דארט קיין קריסטליכע קונים.

דער קליינהענדלער-פערבאנד האט זיך געווענדעט צום פרעזעס דען, וועלכער האט אינטערווענירט ביים סטאראסטא. חוץ דעם האט זיך דער קליינהענדלער-פערבאנד געווענדעט צו דער זיכערהייט'ס מאכט. און אין רעזולטאט פון די אינטערווענצען האט די פאליציי בעזייטיגט די פיקעטניקעס.

שפעטער ווען דער קליינהענדלער-פערבאנד האט בעקומען א ידיעה, אז די פיקעטען האבען זיך בעוויזען ביי די יודישע סטראגאנעס אויף פלאץ יאגעלאנסקי, האט ער זיך געווענדעט צום פרעזידענט שטשאווינסקי און לאזניק ראטענבערג, וועלכע האבען אינטערווענירט ביי דער מאכט אנצונעמען מיטלען, אז דער האנדעל זאל דארט נישט געשטערט ווערען.

אין דער פיקעטען-מלאכה האבען זיך בעטייליגט סטודענטען און שילער פון כאלובינסקי'ס שולע. מ'האט צווישען זיי געזעהן די זיהן פון פאסטאלסקי (אייגענטימער פון ראדיא געשעפט) און פון סוכאנסקי (בוכהאנדלונג-אייגענטימער)

אין דער צייט ווען די פיקעטשאזשעס האבען אויסגעפיהרט זייערע „הייליגע" עבודה האט דער קליינהענדלער-פערבאנד געטיילט די אנטי-באיקאט-אויפרופען.

בעקאנטמאכונג

פון סוחרים-פעראיין אין ראדאם, זשעראמסקי 17.

כדי אויסצומיידען נישט פאראויסגעזעהענע קאמפליקאציעס ביים אויסקויפען פאטענטען אויפ'ן יאהר 1938 פאר אלטע ווי אויך פאר נייע סוחרים, איז זעהר געוואונשען, אז די פעראינטערעסירטע סוחרים זאלען זיך מעלדען אין סעקרעטאריאט פון סוחרים - פעראיין, זשעראמסקי 17 שוין אנהויבענדיג פון זונטאג, דעם 26 גרודזיען ד. י. יעדען טאג פון 9 א זייגער ביז 3 מיטאג און פון 5 נאכמיטאג ביז 9 אוונד, כדי אויסצופילען די דעקלאראציעס אויף פאטענטן, ווי אויך שרייבן די נויטיגע ביטעס.

דאס געלד דאגעגען פאר די פאטענטען דארף דער סוחר איינצאהלען ביז דעם 30 גרודזיען ד. י.

די אלטע סוחרים זאלען מיטברענגען דעם פאטענט פאר'ן יאהר 1937 ווי אויך דעם אבראטאווי נאקאז פאר'ן יאהר 1936.

די פרישע סוחרים זאלען מיטברענגען א מעלדונג'ס קארטע פון מאגיסטראט, אדער דעם פאס.

זייט זריזין און זייט אייך מקדים, דאדורך וועט איהר אויף זיכער גאר נישט פערלירן.

די פערוואלטונג פון סוחרים-פעראיין

ראדאם זשעראמסקי 17

דעם פרעזעס פון דער יודישער גמינע

ה' מרדכי דען

צוליב'ן טויט פון זיין

פאטער נ. ע.

דריקט אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל

די פערוואלטונג פון דער געזעלשאפט „טאז"

אין ראדאם.

מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דעם פרעזעס דען

מיט דער גאנצער פאמיליע דען

צוליב'ן טויט פון זייער

פאטער נ. ע.

די פערוואלטונג פון דער הילפ'ס-געזעלשאפט פאר ארימע יודישע קימפעטארינס.

דער פאמיליע דען

צוליב'ן טויט פון זייער געשעצטען פאטער

ר' אברהם ליפא נ. ע.

דריקען אויס זייער טיפסטען מיטגעפיהל

לאה'טשע און מאיר הערץ.

# פארוואס ווערט נישט אונטערגעשריבען דער קאנטראקט

## צווישען דער גמינע מיט'ן בית-יתומים

ווי מיר הערען איז אויסגעבראכען א נייער קאנפליקט צווישען דער גמינע מיט דער פערוואלטונג פון בית-יתומים. עס האנדעלט זיך אין אונטערשרייבען דעם קאנטראקט, וועלכער איז נאך לענגערע בעראטונגען און אונטערהאנדלונגען מיט'ן אנטייל פון דאקטער יוזעף בעקערמאן, צווישען די צדדים ענדגילטיג פארמולירט געווארען.

דער בית יתומים ציהט זיך צוריק פון אונטערשרייבען, פערזיפענדיג זיך אויף אנ'אדוואקאט אין ווארשא, וועלכער האט געזאגט, אז דער בית-יתומים האט נישט וואס איבערצוקלערען, אז ס'זאל ווער איהם בעזייטיגען פון דעם פונדאציע-בנין; דאגעגען נעמט די גמינע אין אכט, אז ביים דער קאנטראקט וועט נישט אונטערגעשריבען ווערען בלייבט די גמינע א בעל חוב צו דער פונדאציע אויף אנ'ערך 15000 זל. (נישט צום בית-יתומים) פאר פראצענטן פון די היפאטעקארישע 40 טויזענד זל. וועלכע זענען פערשריבען אויפ'ן בעקערמאן-פלאץ אויף דער נארוטאוויטש גאס. די פונדאציע ווערט בעדראהט דורך דעם וואס זי וועט נישט האבען די מעגליכקייט צו שליסען און פארצושטעלען א בעריכט דער מאכט, וועלכע פאדערט עס פאר דער פערגאנגענע צייט און צוליב דעם קען א מאהל אין דער לייטונג פון דער פונדאציע פארקומען א גישט גינסטיגע שינוי. איבערהויפט קען ענטקומען די מעגליכקייט צו בעשטעטיגען דעם לאנג-ערווארטעטען סטאטוט מיט'ן פאראגראף 22, וועלכען דער ריכטער בעקערמאן וויל דארט אויינשטעלען.

ס'איז אונפערשטענדליך פארוואס דער בית-יתומים מאכט שוועריגקייטען, דעמאלט ווען דער קאנטראקט וועט ברענגען פיעל נוצען דעם ב"י. ערשטענס בעקומט דער ב"י א פעסטען באדען אויף לאנגע יאהרען אין בנין פון דער פונדאציע, און ס'וועלען ממילא אוועקפאלען אלע חששות, צי מ'קען יא, אדער נישט דעם ב"י בעזייטיגען; צווייטענס קריגט דאן דער ב"י א חוב פון בערך 15 טויזענד זל. איינצוקאסירען יעדעס יאהר 1500 זל. א חוץ דעם ווערט די פונדאציע בעפרייט פון א פערוויקעלטען חשבון און אויך די גמינע, וועלכע איז אלעמפאלס אנ'אלגעמיינע יודישע אינסטיטוציע, יוערט בעפרייט פון א לאסט פון אנ'אנדערער זייט.

מיר דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל די פאמיליע ראזענבוים

צוליב'ן טויט פון זייער ליבען פאטער און שווער

ר' אברהם ליפא דען נ. ע.

זאלען זיי זיין געטרייסט און נישט וויסען מעהר פון קיין צער.

דאס ביורא-פערסאנאל פון דער פירמע ראזענבוים.

DBAJCIE O ZDROWIE DZIECI

NADSZEDŁ Świeży TRAN

SKŁAD APTECZNY ST. KUROWER

RADOM, ŻEROMSKIEGO 1

# שטינק-באמבעס אין דריי יודישע געשעפטען אין קעלץ

נאך א אבדוה פון צוויי יאהר האבען זיך די באמבען - ווארפער דערמאנט אין זייער „הייליגער" ארבייט און דעם לעצטען מיטוואך האלב זיבען אוונד ארייננעווארפען א שטינק-באמבע אין דער צוקערניע פון דוד זיכהאלץ (באדזענטינסקא 4), וועלכע האט אנגעמאכט א גרויסען שאדען.

אין דערזעלבער צייט איז אריינגעווארפען געווארפען א פלעשעלע שטינק-גאזען אין דעליקאטעסען-געוועלבעל פון בארענשטיין (פיאטרקאווסקא 34) דאס פלעשעלע איז ארייננעווארפען געווארען דורך דער טיהר, עס האט זיך צעהאקט אין געשעפט און דאס פליסיקייט האט זיך צעגאסען און דער גיפטיגער ריח האט אנגעמאכט א שאדען פון דער גאנצער סחורה.

טעליכע מינוטען שפעטער האבען די זעלבע אריינגעווארפען דורכ'ן שויפענסטער אין שפייז-געשעפט פון יוסף וויקינסקי (ווארש. פשעדמיעשטשע) א פלעשעל מיט שטינק פליסיגקייטען. אין דער געגענד וואו די באמבעס זענען געווארפען געווארען איז געווען א שרעקליכער ריח. קיינער פון די באמבען-ווארפעס איז דערווייל נאך נישט פעהאלטען געווארען.

די ידיעה אז מען ווארפט שטינק באמבעס אין יודישע געשעפטען האט זיך בליץ שנעל פערשפרייט איבער דער שטאדט און אלע יודישע צוקערניעס, פעקערייען און דעליקאטעסען-געשעפטען ווערען פיקעטירט דורך... אייגענע מענשען, וועלכע היטען, אז מען זאל צו זיי קיין שטינק-גאזען נישט אריינווארפען.

א טייל יודישע שפייז-געשעפטען האט בען מוהל-געהאכען אפען צוהאלטען ביז 9 אזייגער די געהאלבער און באלד זיבען אוונד פערמאכט, כדי אזוי ארום צו זיין זיכער פון א באמבע.

## פון סוחרים-פעראיין אין ראדאם (קאמוניקאט)

אויף דער געמיינזאמער זיצונג פון ראט און פארוואלטונג פון סוחרים פאראיין אין ראדאם, וועלכע איז פארגעקומען זונטאג, דעם 12\12 ד. י. איז זעהר ברייט ארומגערעדט געווארען די פראגע וועגען א פינאנציעלער הילף פאר די סוחרים ביים אויסקויפען פאטענטען אויפ'ן יאהר 1938. עס איז אויסגעקליבען געווארען א קאמיסיע, וועלכע דארף אויסארבייטען א פלאן זיין שאפען א געוויסען סכום צו דער אקציע.

אויף דער ווירטשאפטליכער באראטונג, וועלכע איז פארגעקומען אין סיימיק אונטער דער פארזיץ פון דער סטאראסטא דעם 9 דעצעמבער ד. י. איז אויינגעטראגען און אנגענומען געוואָרען דער פארשלאג פון פוילישען סוחרים-פעראיין, לויט וועלכען עס וועלען אלע פריכטען געוועלבער דורך דער מאכט קאנטראלירט ווערען, צי זיי סאוקויפען נישט אין זונטאג און אין די חגאות, אנדערע ארטיקלען א חוץ פריכטען.

דער סוחרים - פאראיין זשעראמסקי 17 מאכט דעריבער אויפמערקזאם אלע אינהאבער פון פרוכטען געוועלבער, אז אויב די פאליציי, וועלכע וועט דאס נאכקאנטראלירען און וועט געפינען, אז זיי סאוקויפען אין די דערמאנטע טעג אנדערע ארטיקלען אויסער פרוכטען, וועלען שטרענג בעשטראפט ווערען. —

## אמעריקאנער געסט אין טעאטער

צוויי אמעריקאנער בעקאנטע קינסטלער מיט א פיין צונויפגעשפילטען אנסאמבל יועלען ביי אונז אויפטרעטען אויף צוויי אוונדען: מארגען שבת צו-נאכט און זונטאג.

די אמעריקאנער געסט זענען יאזעף שיינגאלד און פרענציס אדלער. ביידע האבען א נאמען אין דער ארטיסטישער וועלט פון יענער זייט ים. זייער אנסאמבל בעשטעהט פון די בעקאנטע ארטיסטען: ל. גאלדשטיין, י. האכבערג, ל. קאטווינער, ל. לערנער, א. ליפאווסקא, ה. לוקסענבורג, מ. מאניפלא, ש. ראזן, ש. ריבאק, ש. שטעפעל.

עס וועלען אויפגעפיהרט ווערען די פיעסען: „דאס רעדעלע דרייט זיך" און די „צווייטע יוגענד" וועלכע געהען שוין נישט אראב פון דער ביהנע א לענגערע צייט צוליב זייער כסדר שטייגענדען ערפאלג.


BOLACH GŁOWY
stosuje się proszki „PSZCZÓŁKA"
ZNAK OCHR.

זאלען אלע ראדאמער, וואס קומען קיין ווארשא
געדענקען
אז דער ערשטקלאסיגער באר
Bar Ala - Minute
Swięto - Krzyska 43 Tel. 541 - 43
געהערט צו א ראדאמער לאנדסמאן,
וואו איהר בעקומט
פיינע, געשמאקע מיטאגן און אווענד-ברויט
פון 4 שפייזען צו 1.50

Najlepsze, najmilsze i najtańsze
prezenty dla rodziny i przyjaciół
to
kuchenki, żelazka
grzejniki do rurek
poduszki i inne
Do nabycia na dogodnych warunkach
w Radomskim Towarzystwie Elektrycznym
Sp. Akc. w Radomiu
ul. Traugutta 53

## בעקאנטמאכונג
דער קימפעטארען-פעראיין איז מודיע די אלע פרויען, וואס חילען געניסען פון אקושערישער הילף פריוואט, זאלען זיך ווענדען צו דער פרעזעסין דאנציגער זשעראמסקי 23.
דער קימפעטארען פעראיין האט צו דעם צוועק אנגאזשירט אנ'אקושערקע א ספעציאליסטין, וואס האט געארבייט אין קליניק פון ד"ר ראשקעס אין ווארשא.
מעלדען זיך דארף מען מיט 8 טעג פריהער.
די פערוואלטונג פון קימפעטארען-פעראיין אין ראדאם.

Z DZWONKIEM
IDEAL JAWA —
DOBRA KAWA

MILIONY KOBIET
NA CAŁYM ŚWIECIE
STOSUJE SŁAWNE KOSMETYKI
CÉDIB
PARIS
•PUDRY•KREMY•TUSZ DO RZĘS POMADKA DO UST •RÓŻ• MLECZKA
Żądajcie w najbliższej perfumerii lub drogerii bezpłatnej broszury Cédib o indywidualnej i racjonalnej pielęgnacji skóry.

טעאטער „ראזמאיטאשצי" ראדאם
דורכרייזענד נאר 2 גאסטשפילען
פון די אמעריקאנער קינסטלער
יאזעף שיינגאלד און פרענציס אדלער
שבת-צונאכטס דעם 25 ה. י. 9 אווענד
דאס רעדעל דרייט זיך
וועלט-שלאגער אין 3 אקטען מיט מוזיק, געזאנג, הומאר
זונטאג דעם 26 ה. י. 9 אווענד
צווייטע יוגענד
לעבענס-בילד אין 3 אקטען מיט געזאנג, מוזיק הומאר.
אייגענע דעקאראציעס, קאסטיומען, ארקעסטערס.

Kino ADRIA
שבת דעם 25 1 און 3 און
זונטאג דעם 26 12 און 2 אז
פריהמארגען - פילמען
Sensacyjny film szpiegowski
TAJEMNICA ŻÓŁTEGO MIASTA

Od soboty dnia 25 grudnia 1937 r.
Kino ADRIA
Wspaniały świąteczny program
POLSKA KOMEDIA MUZYCZNA p. t.
„Pan Redaktor szaleje"
Tance, muzyka śpiew, humor, dowcip
W rol. gł.
Bogda, Brodzisz, Cwiklinska, Sielanski, Fertner, Orwid, Leitzkówna, Radojewska
Nad program: kolorowy dodatek i tygodnik P. A. T.


Redaktor i Wydawca CH. M. HERC. tel. 15 - 18 .טעל Wydawnictwo „Radomer Kielcer Leben" Radom szwarlikowska 20